# Digitales Brandenburg

## hosted by Universitätsbibliothek Potsdam


# Rebe Meʾir Bal ha-Nes

### Mezaḥ, Yehoshuʻa

### Ṿilna, 662 [1901 oder 1902]

גי.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12911

Visual Library

בעסער אשטיקעל טרוקענע ברויט נור ערהערליבע פאר הארעוועטע, איידער די בעסטע געריכטען דורך די בעטרוג און פאלשקייט! —.

## י״ג.

רבי מאיר האט געהאט איין גוטען פריינד זיין נאמען איז געווען יהודה פון ענתות. זיא האבען זיך ביידע זייער ליב געהאט. דער יהודה איז געוועזען אגרויסער רייכער מאן, ער האט געהאט זילבער און גאלד. שאף און רינדער, קעמלען אייזלען און פיל גוטעס, אבער דער מאן איז געוועזען אקארגער. ער האט איין ארעמאן פיינד געהאט, אגויט בעדירפטיגען האט ער אשטיקעל ברויט ניט געוואלט געבען, רבי מאיר האט דערפון געהאט גרויס פארדרוס און ער האט געוואלט דאס יהודה זיין גוטער פריינד זאל ווערען פרימער צו גאט און בעסער צו לייטען, אמאל האט זיך רבי מאיר פארקליידעט, ער האט זיך אנגעצויגען אין בעטלער קליידער, און ער איז אריין געגאנגען צו יהודה׳ן אין שטוב, ווייא יהודה׳ס קינדער האבען איהם געזעהען האבען זייא איהם גירעכענט ווייא אגנב, איז רבי מאיר אנטלאפען און האט זיך בעהאלטען אין שטאל וואו דיא פערד שטייען, ער האט אב-געוואַרט ביז יהודה מיט זיינע קינדער האבען זיך געזעצט עסען, איז רבי מאיר אריין געגאנגען אין שטוב און ער האט זיך גיזעצט בייא דעם טיש וואו זייא זיינען גיזעסען, יהודה׳ס קינדער האבען אויף איהם געשריען, זייא האבען איהם געוואלט ארויס טרייבען, האט רבי מאיר צו זייא געזאגט; איך וועל פון דאנען ניט ארויס גיין ביז איך וועל עסען בייא אייך אשטיקעל ברויט, דען איך בין זייער שטארק הונגעריג, יהודה׳ס קינדער האבען אויף איהם זיך ערבארעמט זייא האבען איהם גיגעבען עסען און טרינקען, אז רבי מאיר האט אבגעגעסען. האט ער גינומען פון טיש אשטיק ברויט און האט דאס געוויזען יהודה׳ן און האט געזאגט, איך

(ר״מ בעל הנס)
ביטע

בּיטע דיר דוא זאלסט מיר געבען דיא שטיק ברויט און דאס נועט זיין גערעכענט פאר גאטט פאר אגרויסע „צדקה", האט יהודה צו איהם געזאגט דיר איז ווייניג וואס דוא האסט געגעסען, געטרונקען עס איז פון דיר איבער געבליבען וואס דוא האסט שוין ניט געקאנט מעהר עססען, ווילסט דוא נאך מיט נעהמען ברויט מיט זיך ? . רבי מאיר האט גיזעהען דאס יהודה איז שטארק אין כעס געווארען, האט ער פארלאשען דאס ליכט, איידער זייא האבען דיא ליכט אנגעצונדען האט רבי מאיר אוים געטאהן זיינע צו ריסענע קליידער, אראב גענומען פון זיך דיא מאסקע, און זייא האבען דאס ליכט אנגעצונדען האבען זייא גיזעהען דאס רבי מאיר זיצט בייא דעם טיש, זייא האבען זיך שטארק פארשעמט, זייא זיינען איהם געפאלען צו דיא פיס, גיבעטען איהם ער זאל אויף זייא ניט אין כעס זיין, און ער זאל זייא מוחל זיין, רבי מאיר האט צו זייא געזאגט: וואס פאר נוטצען נועט איהר האבען וואס איך וועל אייך מוחל זיין, אז גאטט אי אייך ניט מוחל, דוא זאלסט וויסען דאס גאט איז אויף דיר שטארק אין כעס, ער וועט זיך מיט דיר קורצליך אברעכענען, דוא וועסט אהן אצייט שטארבען, ווייל דוא ביסט קארג, דוא גיבסט קיינע צדקה דיינע ארעמע ברידער, גאט האט דיר פיל נוטעס גיגעבען און קיין ארעמאן האט דערפון קיין טובה ניט.

יהודה האט גיהערט דיא רייד פון רבי מאיר האט ער זיך שטארק ערשראקען, ער האט תשובה געטאהן, גיבעטען גאטט ער זאל איהם מוחל זיין, ער האט זיך בעשלאסען דאס ער וועט זיין פארמעגען צו טהיילען העלפט וועט ער לאזען פאר זיך און העלפט וועט ער אבגעבען ארעמע לייט, האט רבי מאיר פאר איהם גיבעטען גאטט ער זאל איהם מוחל זיין:

אין יענער נאכט האט גאטט אנגעשיקט אויף דעם יהודה׳ס זיינע קינדער פרעמדע שלאנגען זייא צו בייסען און טייטען,

(ר״מ בעל הנס)

האט

האט זיך רבי מאיר גישטעלט צו ווישען דיא מענשען און דיא שלאנגען, ער האט מתפלל גיוועזן צו נאכט זיינען זייא געגעסען געוואָרען פון טויט.

זייא האבען גיהערט אשטימע פון הימעל; "איבעגעשטימט מען שלעכטעס, און אונטען איז מען מבטל דאס הייסט; נאט איז נוזר אויף איין מענשען שלעכטעס, קומט איין צדיק און ראטעוועט דעם מענשען פון אונגליק.

פון יענער צייט אן איז יהודה מיט זיינע קינדער געוואָרען פרומע מענשען, זייא האבען פיל צדקה גיגעבען און זייא האבען געלויבט גאט פאר דיא נסים וואס ער האט זייא געצייגט דורך רבי מאיר בעל הנס, ניצול צוא ווערען פון דיא ברענגענדיגע שלאנגען

# יד.

רבי מאיר האט אלע מאל גיגעבען כבוד דיא מענשען וואס לערנען תורה, ער פלעגט זאגען ווען אנעמצענדיגער לערינט תורה איז ער וויא א כהן גדול, ער האט געהאט אנטען פריינד איין פילוסוף אהיידע, ער האט איהם געליבט און געשעצט וויא איין איגענעם ברודער.

רבי מאיר איז גיוועזן פריינדליך מיט יעדען מענשען, ער האט ליב געהאט מענשען זאלען לעבען פרידליך, ער האט זיינע תלמידים גילערינט און געזאגט דאס וואו מענשען לעבען פרידליך זיינען זייא גליקליך. דער שלום איז דיא טהייערסטע זאך. ער פלעגט זיינע תלמידים ערציילען דאס אהרן הכהן האט פיל געטאהן צו ליב צו מאכען שלום בייא מענשען זייא זאלען לעבען פרידליך און דורך דעם האבען פיל מענשען אויפגעהערט צוא זינדיגען ווייל

(ר"מ בעל הנס)